און דערפאר זאגט רש"י "ושתי הלשונות בב"ר" אין סיום פון זיין פירוש - ווייל ערשט לאחרי ווי מען לערנט די ביידע פירושים און מען זעט ווי זיי זיינען ווייט פון רייבעם פשט, דאן דוקא דארף מען אנקומען צו דער באווארעניש אז זיי זיינען גענומען פון מדרש.

ועפ"ז איז אויך פארשטאנדיק וואס רש"י איז מציין צו ב"ר און ניט צו דער גמרא אין שבועות ווייל די ענינים אין גמרא וואס מען לערנט אפ פון פסוקים, זיינען פיל פון זיי אויך ע"ד הפשט. און בכדי צו מדגיש זיין אז די צוויי פירושים זיינען על דרך הדרש, זאגט דעריבער רש"י "ושתי הלשונות בב"ר" (מדרש).

ט. אין די הערות אויף זהר (פרשתנו ע' סט), שטעלט זיך דער טאטע אויף דעם וואס עס ווערט דערציילט אין זהר (ח"א קא, ב) אז עס איז געווען א גזירה אויף "כפר טרשא", און דורך דעם וואס "קבילו עלייהו דלא יתבטלון מאורייתא לעלם, ואחליפו שמא דקרתא וקארון לה מאתא מחסיא", איז די גזירה בטל געווארן.

און ער איז מבאר אין די הערות, ווי דורך "אחליפו שמא דקרתא כו'" איז בטל געווארן די גזירה, ווייל נוסף אויף דעם וואס שינוי השם (בכלל) איז "מועיל לבטל הגזירה" (ר"ה טז, ב) איז "כפר" און "טרשא" ווייזן אויף גבורות, משא"כ "מתא" און "מחסיא" ווייזן אויף חסדים. און דערפאר איז דורך דעם וואס "החליפו מכפר למתא ומטרשא למחסיא" איז בטל געווארן די גזירה.

ער איז אבער ניט מבאר די שייכות פון ביטול הגזירה מיט דעם וואס "קבילו עלייהו דלא יתבטלון מאורייתא לעלם", פארלאזנדיק זיך, אז מצד הפשטות שבזה וועט מען עס אליין פארשטיין.

י. ויש לומר הביאור בזה:

אין זהר דארט (פאר דעם (קא, א)) ווערט דערציילט, אז די מענטשן פון כפר טרשא זיינען געקומען צו ר' אחא און געבעטן אים אז ער זאל מתפלל זיין אויף זיי, און ר' אחא האט זיי געזאגט "ניזיל לבי כנישתא ונתבע רחמי מן קדם קוב"ה" - וואס דער גיין צו ר' אחא'ן בעטן אים ער זאל מתפלל זיין, און (מכ"ש) דער גיין "לבי כנישתא" בעטן רחמים, איז א התעוררות תשובה - און אעפ"כ האט עס נאך ניט געהאלפן צו מבטל זיין די גזירה.

וואס דערפון איז מובן, אז עס איז געווען אזא ענין, וואס עס איז ניט מספיק (בשביל תיקון הפגם, ו(במילא) גם בשביל ביטול הגזירה - ראה אגה"ת פ"ט בביאור מרז"ל "מה יעשה ויחי'") קיין תשובה תתאה און מען דארף אנקומען צו תשובה עילאה.

און היות אז תשובה עילאה איז "דיתעסק באורייתא", (?) דערפאר האט מען געדארפט אנקומען צו "קבילו עלייהו דלא יתבטלון מאורייתא לעלם" (ויש לומר, דזהו מ"ש בזהר שם (ע"ב) "ואחזר להו בתשובה שלימתא". שקאי על תשובה עילאה. (אגה"ת שם).

יא. נאך א ענין וואס דארף האבן ביאור - אין דעם סיפור (שיחת ש"פ וירא, כ"ף מרחשון, תרצ"ג..נדפס (בקיצור) בהיום יום ע' קג. וראה לקו"ש ח"א פ' וירא, ח"ה כ' מרחשון. שם ע' 321) פון רבי'ן (מוהרש"ב) נ"ע, דער בעל יום ההולדת, וואס ברייינגט זיך אין לקוטי שיחות השבועי:

ווען דער רבי נ"ע איז געווען א קינד פון פיר אדער פינף יאר, בשבת פ' וירא, איז ער אריין צו זיין זיידן כ"ק אדמו"ר הצ"צ (צו מקבל זיין די ברכה בשייכות מיט זיין יום הולדת) און האט זיך פאנאנדערגעוויינט, זאגנדיק: פארוואס האט זיך דער אויבערשטער באוויזן צו אברהם אבינו, און צו אונז (אים) באווייזט ער זיך ניט?

הנחה פרטית בלתי מוגה

איז אין דעם ניט פארשטאנדיק: "וירא ה' אל אברם" שטייט צוויי מאל אין פ' לך לך (יב, ז. יז, א) איז פארוואס איז געווען די בכי' פון רבי' נ"ע - אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו, און צו אונז (אים) באווייזט ער זיך ניט - ערשט אין פ' וירא, און ניט פריער אין פ' לך לך?

בנוגע צום צווייטן מאל "וירא ה' אל אברם" פון פ' לך לך - קען מען זאגן, אז דער רבי נ"ע האט דעמולט נאך ניט געלערנט דעם פסוק, היות ווי דער פסוק איז שוין כמעט אין סיום הסדרה (ווי עס פירט זיך בכמה מקומות דער סדר הלימוד מיט קינדער, אז מען לערנט מיט זיי יעדער וואך נאר א טייל פון פרשת השבוע).

אבער בנוגע צום ערשטן מאל "וירא ה' אל אברם", וואס שטייט אין תחלת הסדרה - האט ער דאך זיכער שוין דעמולט געלערנט, איז פארוואס האט ער זיך ניט פאנאנדערגעוויינט לערנענדיק דעם פסוק?

יב. אפילו אם תמצי לומר, אז יענע וואך (פ' לך לך) איז ער ניט אריין (און ער האט אפשר אויך ניט געהאט קיין געלעגנהייט צו אריינגיין) צו זיין זיידן כ"ק אדמו"ר הצ"צ, און ווי־באלד אז בעת ער איז אריין צום צ"צ צו מקבל זיין די ברכה בשייכות מיטן יום הולדת, איז עס געווען בש"פ וירא, האט ער דעריבער געפרעגט אויף דעם ענין וואס ער האט געלערנט דעמולט, אויף "וירא אליו ה'" וואס שטייט אין פ' וירא -

בלייבט נאך אבער די שאלה: פארוואס האט דער צ"צ געענטפערט אים נאר וועגן דעם "וירא אליו ה'" פון פ' וירא, און האט ניט מעורר געווען אים, אז "וירא ה' אל אברם" איז שוין געווען אויך פריער (אין פ' לך לך) צוויי מאל?

די שאלה איז נאך גרעסער: דער ענטפער פון צ"צ, אז "וירא אליו ה'" איז געווען מצד דערויף וואס אברהם אבינו האט מחליט געווען אז ער דארף זיך מל זיין, פארענטפערט נאר דעם צווייטן "וירא ה' אל אברם" פון פ' לך לך, היות אז דער וירא איז געווען פארבונדן מיט דעם ענין המילה ("התהלך לפני והי' תמים" (ראה פרש"י עה"פ שם יז, א: התהלך לפני במצות מילה ובדבר הזה תהי' תמים)). עס פארענטפערט אבער ניט דעם ערשטן "וירא ה' אל אברם" וואס איז ניט פארבונדן מיט מילה.

שטעלט זיך די שאלה: פארוואס האט דער צ"צ ניט מבאר געווען, און אפילו ניט באווארנט, וועגן דעם ערשטן "וירא ה' אל אברם" פון פ' לך לך (אז דער "וירא" איז מצד אן אנדער טעם)?

יג. וועט מען עס פארשטיין בהקדים נאך א שאלה:

דאס וואס דער אויבערשטער האט זיך באוויזן (דאן) צו אברהם אבינו, איז דאך געווען (ווי רש"י זאגט) "לבקר את החולה", איז וואס האט דער רבי נ"ע געהאט וואס צו וויינען אויף דעם וואס דער אויבערשטער באווייזט זיך ניט צו אים, בשעת אז ער איז דאן ניט געווען קיין חולה?

אויך איז ניט מובן: ווי קומט עס אז דער רבי נ"ע זאל זיך גלייכן צו אברהם אבינו, ביז צו האבן א טענה, אז היות ווי דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו דארף ער זיך באווייזן אויך צו אים?

יד. וואלט זיך דאס גערעדט וועגן סתם א קינד - וואלט מען געקענט זאגן, אז ער האט ניט געוואוסט דעם גודל העילוי פון אברהם אבינו און האט אויך ניט געוואוסט וואס רש"י זאגט אז "וירא אליו ה'" איז געווען "כדי לבקר את החולה".

ווי־באלד אבער אז דאס רעדט זיך וועגן דעם רבי'ן נ"ע, וואס זייענדיק א קינד איז אין אים געווען ניכר א מעין פון זיין שפעטערדיקע מעלות (בוצין בוצין מקטפי'

ידיע" (ברכות מח, רע"א)) - איז דאך זיכער, אז זיין טענה (אז כשם ווי "וירא אליו ה'" (צו אברהם'ן) דארף דער אויבערשטער באווייזן זיך אויך צו אים) האט געהאט אן ארט.

א הוכחה נוספת צו דעם איז פון דעם וואס דער צ"צ האט אים געענטפערט אז דאס וואס דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו איז געווען מצד דערויף וואס ער האט מחליט געווען אז ער דארף זיך מל זיין, און ניט געענטפערט אים בפשטות, כנ"ל.

טו. איז דער ביאור אין דערויף, אז אדרבה: די טענה הנ"ל פון רבי'ן נ"ע איז געקומען טאקע מצד דערויף וואס ער האט געוואוסט וואס רש"י זאגט אז "וירא אליו ה'" איז געווען "לבקר את החולה":

אלולי פירוש רש"י, וואלט ער ניט געהאט קיין טענה פארוואס דער אויבערשטער באווייזט זיך ניט צו אים ווי צו אברהם אבינו - ווארום ווי איז שייך צו פארגלייכן זיך צו אברהם אבינו.

וויבאלד אבער אז "וירא אליו ה'" איז געווען (ניט מצד מעלת מדריגת אברהם אבינו, (שלכן נאמר "וירא אליו ה'", ולא "אל אברהם" (כבפ' לך לך שם). וכדמוכח גם מהא שמזה למדין (סוטה יד, א) מצות ביקור חולים דכאו"א) נאר) "לבקר את החולה", וואס דאס איז א פרט אין גמילות חסדים, (ראה ב"מ ל, ב: ביקור חולים היינו גמילות חסדים. וברמב"ם הל' אבל רפי"ד: לבקר חולים ... ואלו הן גמילות חסדים כו'), האט ער דעריבער גע'טענה'ט: אז היות ווי אויך אים ארט דאס וואס דער אויבערשטער באווייזט זיך ניט צו אים, און עס ארט אים אויף אזוי פיל ביז אז ער האט אויסגעבראכן אין א בכי', דארף דעריבער דער אויבערשטער גומל חסד זיין מיט אים און באווייזן זיך צו אים.

ולפ"ז איז פארענטפערט בפשטות, וואס ער האט ניט געפרעגט אויף "וירא ה' אל אברם" וואס שטייט צוויי מאל אין פ' לך לך - ווייל: (א) מען קען זיך ניט פארגלייכן צו אברהם אבינו. (ובפרט שבפ' לך לך נאמר "וירא ה' אל אברם", ולא "אליו" - אף שלפנ"ז כתוב "ויעבור אברם גו'", "ויהי אברהם גו'"). (ב) דער "וירא ה' אל אברם" וואס אין פ' לך לך (ביידע מאל) איז געווען צוליב "ויאמר" ("ויאמר לזרעך אתן את הארץ הזאת" (לך לך יב, ז), "ויאמר אליו ה' התהלך לפני והי' תמים" (שם יז, א)).

טז. לכאורה קען מען פרעגן אויף דעם:

ביקור חולים איז ניט נאר א ענין פון גמילות חסדים סתם, נאר עס העלפט אויך צו אראפנעמען "אחד משששים פון דעם חולי (נדרים לט, ב. ב"מ שם). שטעלט זיך במילא די שאלה:

ווי אזוי האט דער רבי נ"ע אפגעלערנט פון "וירא אליו ה' לבקר את החולה" אז דער אויבערשטער באווייזט זיך אויך צוליב גמילות חסדים סתם (אין פאל ווען ס'איז ניט פארבונדן מיט "נופל כו' מחליו" (ואף שבגמרא שם, דמה שנוטל אחד מששים הוא דוקא ב"בן גילו" - הרי הקב"ה הוא "תאומתו" של ישראל (ראה שהש"ר פ"ה, ב בסופו)). ולהעיר מרמב"ם שם ה"ד "וכל המבקר את החולה כאילו נטל חלק מחליו כו'", שמפשטות לשון הרמב"ם מוכח (וצ"ע ברדב"ז שם) שדין זה הוא ב"כל המבקר", גם כשאינו בן גילו)), וואס דעריבער האט ער גע'טענה'ט אז דער אויבערשטער דארף זיך באווייזן (אויך) צו אים?

יז. איז דער ביאור אים דעם: נאך "וירא אליו ה'" שטייט אז אברהם האט געזען "שלשה אנשים נצבים עליו", זאגט רש"י אז איינער פון זיי איז געקומען "לרפאות את אברהם".

און וויבאלד אז סיי ווי (אויך ווען עס וואלט ניט געווען "וירא אליו ה'") איז אברהם אויסגעהיילט געווארן אינגאנצן דורך מלאך רפאל (גלייך (ראה לעיל ס"ו) ווי ער איז געקומען) - האט דאך ניט קיין ארט צו זאגן, אז מיט א ווילע פריער זאל דער אויבערשטער קומען צו אים בכדי צו אראפנעמען פון אים (בלויז) "אחד ממשים מחליו".

מוז מען זאגן, אז דאס וואס דער אויבערשטער איז געקומען צו אברהם'ן "לבקר את החולה" איז ווילע דער עצם ענין פון ביקור חולים (אפילו ווען עס נעמט ניט אראפ מחליו) איז גמילות חסדים (וכדיוק לשון רש"י "ובא הקב"ה ושאל בשלומו", דלכאורה מיותר - אלא שמדגיש שבא רק לשאול בשלומו.

ועפ"ז יובן מה שאמרו "הקב"ה ביקר חולים ... אף אתה בקר חולים" (סוטה שם), דלכאורה: איך למדין מ"הקב"ה ביקר חולים", שביקורו פועל בודאי ליטול חלק מהחולי (ראה לעיל סט"ז), שכאו"א עליו לבקר חולים, אף שרובם אינם בני גילו - גם להסוברים (וכדמשמע מפשטות לשון הגמרא שם) דמי שאינו בן גילו "אינו ממעט חולי כלל" (דרישה יו"ד סשל"ה סק"ב). און דעריבער האט דער רבי נ"ע געהאט א טענה, אז מצד דעם ענין פון גמילות חסדים, דארף דער אויבערשטער באווייזן זיך אויך צו אים, כנ"ל (סט"ו).

יח. און אויף דעריוף האט אים דער צ"צ געענטפערט "אז א איד כו' איז מחליט אז ער דארף זיך מל זיין איז ער ווערט אז דער אויבערשטער זאל זיך באווייזן צו אים"; אז כאטש דער "וירא אליו ה'" איז געווען (ניט מצד מעלת מדריגת אברהם אבינו, נאר) מצד גמילות חסדים (של הקב"ה), דארף מען אבער זיין א כלי (זיין ווערט) צו אויפנעמען דעם גילוי (וע"ד המבואר בלקו"ת (שה"ש כד, סע"א ואילך) בענין בחינה הג' שבאתעדל"ע, דהגם שבאה מצד מלמעלה ("שאין אתעדל"ת מגעת שם כלל"), מ"מ "אינה שורה ומתגלה אלא כשיש שלימות במעשה התחתונים").

און די כלי צו דעם איז - די החלטה, אז אין וועלכן מצב רוחני ער זאל נאר זיין (אפילו ווען מ'איז אין די דרגא פון "א צדיק צו ניין און ניינציק יאר") דארף ער זיך מל זיין.

* * *

יט. נאך אן ענין אין לקו"ש השבועי (בנוגע דעם סיפור הנ"ל) וואס פאדערט ביאור:

אין לקו"ש השבועי (נדפס בלקו"ש חלק ט"ו ע' 129) איז מבואר, אז וויבאלד דער מאורע הנ"ל מיטן רבי'ן נ"ע האט פאסירט ווען ער איז געווען א קינד פון פיר אדער פינף יאר "בציר מבר שית" - איז דערפון א הוראה, אז זינט דעם מאורע הנ"ל, ובפרט נאך דעם ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט עס מפרסם געווען, האט מען פותח געווען א נייעם ציגור און דרך בענין החינוך:

אז אפילו א קינד וואס איז אלט נאר פיר אדער פינף יאר "בציר מבר שית", קען מען בא אים ארויסרופן (דורך א חינוך כדבעי) א תשוקה צו רוחניות און געטליכקייט ביז צו א תשוקה נפלאה וואס רופט ארויס בכי'.

און ס'איז ניט קיין סתירה צו דעם פון דעם וואס דער רמב"ם (בפיה"מ שלו לסנהדרין פ' חלק. וראה הל' תשובה פ"י ה"ה) זאגט בנוגע דעם אופן הלימוד מיט א קטן, אז מען דארף אים מזרז זיין "בדברים שהם אהובים אצלו לקטנות שניו ... קרא ואתן לך אגוזים כו'" - ווייל זינט עס האט פאסירט דער מאורע הנ"ל (ובפרט נאך דעם ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט עס מפרסם געווען) האט מען געעפנט א נייעם ציגור, אז מען זאל קענען מחנך זיין א קינד, אז געטלעכקייט זאל ווערן א "טייל פון זיין לעבן" ("דברים שהם אהובים אצלו"). וע"ד וואס מען געפינט בנוגע לכמה ענינים (אויך להלכה), אז "נשתנו הטבעים" (ראה אה"ע ס"ד. מג"א או"ח סקע"ג סק"א).

הנחה פרטית בלתי מוגה

דארף מען האבן אים דעם א ביאור: פארוואס האט זיך דער ענין (שינוי הנ"ל) אויפגעטאן זיך דוקא בדורות האחרונים, און דורך (א מאורע וואס האט פאסירט מיט) דעם רבי'ן נ"ע?

כ. וועט מען עס פארשטיין בהקדים הביאור וואס דער גילוי פון פנימיות התורה איז געוועו דוקא בדורות האחרונים:

וואס פריער איז עס געוועו מערניט ווי פאר יחידי סגולה, און דערנאך בזמן האריז"ל איז געוועו "מצוה לגלות זאת החכמה" (אגה"ק סכ"ו (קמב, ב), און דערנאך בזמן הבעש"ט האט זיך אויפגעטאן דער ענין פון "יפוצו מעינותיך חוצה" (באגה"ק הידועה דהבעש"ט), ביז אז דערנאך דורך תורת חסידות חב"ד איז עס נתגלה געווארן אויך אין הבנה והשגה, און אין חסידות חב"ד גופא איז מדור לדור דאס נאך מער נתגלה געווארן.

וואס לכאורה שטעלט זיך די שאלה: אכשור דרא בתמי'? (יבמות לט, ב ובפרש"י) איז דאך ידוע איינע פון די ביאורים בזה, אז אדרבה: מצד דערויף וואס בדורות האחרונים איז דער חושך געווארן גרעסער, דארף מען האבן א הוספה אין אור און קדושה.

ועד"ז איז אויך בנדו"ד: אז מצד די התגברות החושך שבדורות האחרונים, דערפאר איז דוקא איצטער געגעבן געווארן דער כח צו מחנך זיין קינדער "בציר מבר שית", אז רוחניות און אלקות זאל ווערן א טייל פון זייער לעבן, כנ"ל.

כא. ועפ"ז וועט זיין אויך פארשטאנדיק וואס ענין הנ"ל האט זיך אויפגעטאן דורך (א מאורע וואס האט פאסירט מיט) דעם רבי'ן נ"ע, דער בעל יום ההולדת:

ווי גערעדט פריער (קונטרס כ"ף מרחשון ס"ז), אז ענינו המיוחד פון רבי'ן נ"ע איז געוועו - וואס ער האט מייסד געוועו ישיבת תומכי תמימים, אז מען זאל דארטן לערנען נגלה דתורה צוזאמען מיט פנימיות התורה, אין א אופן פון "תורה אחת".

איז אלס הקדמה צו דעם, האט מען געדארפט פותח זיין א נייעם ציבור און דרך אין דעם ענין החינוך, אז אפילו ווען דער קינד איז אלט פיר אדער פינף יאר, קען מען ביי אים ארויסרופן א תשוקה נפלאה אז דער אויבערשטער זאל זיך צו אים באווייזן.

און דאס ווערט די הכנה קרובה צו "ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דבר" (ישעי' מ, ה), למטה מעשרה טפחים, בקרוב ממש, דורך "אתי מר" דא מלכא משיחא.

* * *

צוה להכריז אודות ה"מלוה מלכה" לטובת ה"מעמד", שתתקיים במוצש"ק, ונתן המזונות עבור ה"מלוה מלכה".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן מסתמא מאכן א ברכה אחרונה.

לאחרי תפלת מנחה התחיל לנגן "בני היכלא".